Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 117/16117 | Łódź, Wtorek 21 maja 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, יא אייר תרפ"ט | Nr. 117/16117

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# מינדערהייטס=שוץ אויף דער סעסיע פון פעלקער=בונד

מאדריד, 20. (ספ. טעל.) אויף דער טאג-ארדנונג פון דער איצטיגער סעסיע פון פעלקער-בונד וואס הויבט זיך אן אין מאדריד געפינען זיך ביז 30 פראגען, די וויכטיגסטע צווישען זיי זענען די פראגען פון מינדערהייטס-שוץ. דער ראט פון פעלקער-בונד וועט אויסהערען א בעריכט פון די דייטש-פוילישע אונטערהאנדלונגען וועגען אויבער-שלעזיען וואס זענען פארגעקומען אונטער'ן פארזיץ פון קאלאנדער. דער ראט וועט אויך אויסהערען בעריכטען וועגען די ארבייטען פון פערשידענע קאמיטעטען קאמיסיעס און קאנפערענצען וואס זענען אפגעהאלטען געווארען זייט דער לעצטער סעסיע פון פעלקער-בונד.

## קינא-שרפה אין ווארא{ניעזש

רינא, 20. (ספ. טעל.) אין ווארא{ניעזשער קינא „ספארטאק" האט זיך בעתן דעמאנסטרירען א בילד אנגעצינדען א קינא-לענטע. דער מאשיניסט האט זיך נישט ארייעגטירט און נישט פערמאכט דאס פענסטערעל אזוי אז אויפ'ן עקראן האט מען דער-זעהען דעם אפשיין פון פלאמען, אין זאל איז ענט-שטאנען א פאניק. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז אלע 8 נויט-אויסגענג זענען געווען פערשלאגען מיט נעגעל. ביי די טירען האט מען דערשטיקט 2 פרויען. דער עולם וואס האט זיך געפונען אין וואר-טעזאל האט זיך דערוואוסט וועגען דעם וואס קומט פאר אין קינא-זאל און זיך געלאזט צו די טירע. ס'איז ענטשטאנען א מהומה בעת וועלכער דער אויסגאנג איז ממש פערשטאפט געווארען מיט מענשליכע קערפערם.

## נאכ'ן צער=בעלי=חיים= קאנגרעס

### ארטאדאקסען פאדערן אויף די יודען ארויס= צוטרעטען פון די צער=בעלי=חיים=פעראיינען

ווין, 20. (י. ט. א. טעלעגראפיש).

דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון „צער בעלי-חיים", וועלכע האט זיך פערענדיגט אין ווין האט בעשלאסען צו שאפען א ספעציעלען יורידישער קאמיטעט מיט'ן זיץ-ארט אין פאריז. דער קאמיטעט וועט האבען פאר אן'אויפגאבע אויסצוארבייטען געזעצען פאר בהמות-שוץ אין מלוכה'ישען און אינ-טערנאציאנאלען מאסשטאב.

ווין, 20. (י. ט. א. טעלעגראפיש).

די ארטאדאקסישע פרעסע פערנעהמט זיך שטארק מיט דעם פערענדיגטען צער-בעלי-חיים-קאנגרעס, די פרעסע שרייבט, אז דער קאנגרעס האט אונטער'ן מאנטעל פון בהמות-שוץ געטריבען אנטיסעמיטיזם, אזוי איז בעשלאסען געווארען צו פערבאטען די יודישע שחיטה, דאגעגען זענען אנגע-נומען געווארען פארשיעדענע רעזאלוציעס וועגען וויווי-סעקציע און יאגד-ספארט.

די ארטאדאקסען רופען אלע יודען ארויסצו-טרעטען פון די צער-בעלי-חיים-פעראיינען.

טיף ערשיטערט צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון

אינזש. אליהו ווילנער נ. ע.

פרעזידיום-מיטגליד פון דער געזעלש. „ארט" אין לאדז,

דריקט אויס איהר אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דער פרוי און פאמיליע

די פערוואלטונג פון דער געזעלש. „ארט" אין לאדז.

7386

אלס צייכען פון טרויער צוליב'ן טויט פון פרעזידיום-מיטגליד פון „ארט"

אינזש.

א. ווילנער

וועלען אלע אינסטיטוציעס פון „ארט" אין משך פון היינטיגען טאג זיין געשלאסען.

די פערוואלטונג פון „ארט" אין לאדז.

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון

אינזש.

אליהו ווילנער

דריקט אויס דער פרוי ווילנער איהר אויפריכטיגען מיטגעפיהל

פאמיליע ד"ר אייגער.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער פאמיליע פון פריהצייטיג-פערשטאר-בענעם פרעזידיום-מיטגליד פון „ארט"

אינזש. אליהו ווילנער נ. ע.

דאס ביורא-פערסאנאל און אינסטרוקטארען פון דער געזעלש. „ארט" אין לאדז.

אחרי מחלה כבדה שבקה חיים לכל חי ביום א', ט' לחודש אייר תרפ"ט בתל-אביב האשה הצנועה והחסידה נ. ע.

יוטה (אשת ר' חיים יצחק נ"י) גרינפלד

הלוי' היתה בתל-אביב ביום א', ט' לחודש אייר תרפ"ט.

המודיעים בצער עמוק

המשפחה המתאבלת.

בזה אנו מביעים את רגשי השתתפותנו בצערו של חברנו הנכבד

מר בן-ציון גרינפלד נ"י במות עליו

אמו נ. ע.

המקום ינחם אותך ואת משפחתך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

משפחת שצוצ'ינר | ליפמן רוזנפלד

יחיאל ציטרין | אברהם מינטוס

Dr. DONCHIN

מאניושקי 1, טעלעפאן 97-9

ספעציאל-ארצט פאר אורינעקאלאגיע און קאסמעטיק

נעמט אן מעגליך פון 10-1 מיטאג און 4-7 נ.מ.

זונטאג פון 10 ביז 1 בייטאג.

גאלדגרובעז

ביי בידגאשטש

אנ'עהזיכטענץ פאר 13 ביז 15

יודישע פאמיליעס

צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע פון „נייעם פאלקסבלאט".

7354

השבת אבדה.

נטהענדיג אין גאס, האב איך פערלוירען א טייסטער מיט א מטריקע און א רע-גיסטראציע-צעטעל מיט א פערזענליכען דאקומענט אויפ'ן נאמען בן-ציון סופר אויפ'ן יאהר 1910. ב'בעט זעהר דעם ערליכען פינדער דאס אפצוגעבענען קאמיענע 16 סענדער סופר (צאפנגוס-פערקויפער).

7393

מעלדונג פון טאפעציר=מייסטער= פעראיין אין לאדז

צו די מעבעל-מאגאזינערן און טישלער!

מיר מעלדען, אז מיר קענען וויטער נישט ארבייטען אויף די ביז-איצטיגע בעדינגונגען, נאר מיר מוזען בעקומען

25 פראצ. קאסע און קורץ-טערמיניגע וועקסלען

און מיר בעטען ביי די ווייטערדיגע אפרעכענונגען דאס אין אכט צו נעהמען.

מיט אכטונג די פערוואלטונג פון טאפעציר-מייסטער-פעראיין. פאלודניאווא 4.

